קאַ. צעטניק / תל אביב

די באַפרייאונג

ער איז געשטאַנען איינער אַליין. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן: ווייסע, קאַלטע האָריזאָנטן. אַרום און אַרום — ליידיק.

דאָס טויער שטייט אָפן. קיינער גייט נישט אַרויס. קיינער איז דאָ נישט פאַראַן. ליידיק.

אוישוויץ־פּלאַנעט — אָט דער פייער־באַלעם אויף װעלכן ער האָט זיך געפונען — ליגט יעצט אַן אָפּגעקילטער, אַן אויסגעלאָשענער, אַן איבערגעבליבענער.

די ערד ליגט פאַר זיינע אויגן — װי אַ פאַרשטיינטע טויטע לאַווע װאָלט איר צוגעדעקט. דאָ אָטעמט מער נישט קיין הויך פון לעבן. גאָט האָט פאַרלאָזט די דאָזיקע ערד, און אויך דער שטן האָט זי פאַרלאָזן.

ווייט און ברייט ציען זיך די בלאָקן — טויטע פאַרשטיינטע גרודעס אינעווייניק, אין די בלאָקן, צװישן די קופּעס סקעלעטן אויף דער ערד, רירט זיך, דאָ און דאָרט, אַ נישט־דערשאָסענער מוזלמאַן. שטיל, פּאַמעלעך, אַן לשון, באַוועגט ער דעם אויבערטייל פון זיין קערפּער, שלענגלט אים אַרויס פון די פּגרים ווי אַ ווייסינקער רויכעלע פון אַ שפּאַלט — אַ זכר פון אַ װעלט װאָס האָט דאָ אַמאָל געלעבט. אַ גאַנצע װעלט!

יעצט שפּרייט זיך דאָ אַ טויטע ליידיקייט. װי דער ים װאָלט פאַרשטיינט געוואָרן אינמיטן געברויז.

אַלע טויערן פון אַלע אוישװיץ־לאַגערן שטייען אָפענע. קיינער גייט אין זיי נישט אַריין, קיינער גייט אין זיי נישט אַרויס. קיינער איז דאָ נישט פאַראַן.

די ווייסע האָריזאָנטן ליגן אין די טויער־עפענונגען — פאַרשטיינטע.

ער וויל אויסשרייען: די באַפרייאונג איז געקומען!

— װו, אויף װעלכע זייט, איז זי, די באַפרייאונג?

װי דער זכר פון אַ טויער־בויגן אין אַן אויפגעגראַבענער שטאָטאָס דו װייסט נישט װו איז דאָ געװען דער אַריין, און װו איז דאָ געװען דער אַרויס — אַזוי ווייסטו יעצט נישט װו, אויף װעלכע זייט פון אָפענעם טויער, איז זי, די באַפרייאונג. אָט שטייסטו דאָ יעצט לעבן באַרג אַש ווי דו װאָלסט צוריקגעקומען צו די דייניקע. הינטער דיר ליגט אוישװיץ — טויט, פאַרשטיינט. ליידיק. זוך דאָרט נישט קיינעם, ווייסט דאָרט קיינעם נישט געפינען. װייל אַלע, אַלע, זענען דאָ! דאָ, אויף דעם באַרג אַש. דאָ האָסטו זיי געפונען. דו האָסט צו זיי געבענקט טאָג און נאַכט. זיי זענען געװען דיין האָפענונג. דו האָסט זיי געזוכט. מען האָט דיך פון זיי אָפּגעריסן. אָט שטייסטו איצט ווידער לעבן זיי. דו זעסט זיי. אָט זענען זיי, אַלע, אַלע. דו האָסט זיי ווידער געפונען.

עס איז געקומען די באַפרייאונג.

— װו, אויף װעלכער זייט פון אָפענעם טויער געפינט זי זיך, די באַפרייאונג?

ליידיק אין קרעמאַטאָריום. פאַרשטיינט. די אייזערנע אויװן־קלאַפּעס שטייען אָפענע, קאַלטע. דער לאַנגער שאַר־אייזן שטייט אַן אָנגעלענטער און חלומט אויפן ראַנד פון פינצטערן קרעמאַטאָריע־לאָך. ערשט האָט דאָ אַלץ זיך געאוישװיצט; װי אַ ים זיינע טייפונעס — אַזוי האָבן זיך דאָ טאָג און נאַכט געהויבן איבער דיר די בערגער פּחד. איצט קוקט דאָ אַלץ אויס שטיל. דער לאַנגער שאַר־אייזן — ווי אַ בעקער־שויפל אָנגעלענט, אידיליש, אויפן אויװן־ראַנד; די קרעמאַטאָריע־קלאַפּעס — שטומער אויסגעלאָשענער אייזן.

צװישן די שורות שטעכל־דראָטן אַרום די לאַגערן שטייט די לופט אַ געגליווערטע. די זעלבע שטעכל־דראָטן. איצט קאָנסטו זיי אָנרירן. סיי פון דער אינעװייניקסטער זייט און סיי פון דער אויסנװייניקסטער זייט. זיי פאַרשפּאַרן מער נישט קיינעם און זיי באַפרייען מער נישט קיינעם. ס׳איז קיינער נישטאָ אינעווייניק און ס׳איז קיינער נישטאָ אינדרויסן. אַלע זענען איצט דאָ — אויף דעם באַרג אַש.

— טייערע! טייערע מיינע! עס איז געקומען די באַפרייאונג!

ער האָט זיך געװאָרפן אויף זיי. ער האָט זיי אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיי געדריקט צו זיך. ער האָט זיי געקושט און געהאַלזט — יעדן באַזונדער; יעדן פון זיין משפּחה. ער איז געלעגן אויפן באַרג. זיינע אָרעמס האָבן געשטעקט טיף־טיף אין אַש. — טייערע, אַ טייערע! עס איז געקומען די באַפרייאונג!

הינטער אים איז געלעגן אוישװיץ — שטום. פאַרשטיינט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: ס׳איז געװען זיין קול װאָס האָט צו אים צוריקגעהילכט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אַש. ער האָט געקוקט מיט די אויגן אַרום און אַרום: ער איז דאָ דער איינציקער װאָס קאָן לאָזן אָפּהילכן אַ קול. אין די שװאַרצאַפּלען פון זיינע אויגן ליגט פאַרגליװערט דער פּלאַנעט־אוישװיץ איידער ער איז געװאָרן פאַרשטיינט. און ער איז דאָ דער איינציקער װאָס קאָן די שװאַרצאַפּלען מיט זיך אַװעקפירן.

די טויערן פון די לאַגערן זענען געשטאַנען אָפענע.

ער איז געגאַנגען.

— — — און עס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען די שטומע אוישװיצער בלאָקן. און די קופּעס מוזלמענער אין זיי; די ליידיקע אַפּעל־פּלעצער, און די שטעכל־דראָטענע מויערן.

און דער אַש־באַרג, פאָרויס, האָט אים דעם װעג געצייכנט.

ער איז געגאַנגען — — —

און עס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען די פאַרשטיינטע אוישװיצער האָריזאָנטן, און דער צוריקגעשלאָגענער עכאָ פון זיין קול:

— — איך שװער, מיט מיינע הענט אַרומגעאָרעמטע אַרום אייער אַש, צו זיין אייער קול, און דער קול פון שטומען אויסגעברענטן קאַ־צעט; איך װעל נישט אויפהערן װעגן אייך צו דערציילן ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג.

אַזוי העלף מיר גאָט. אמן".

ער איז געגאַנגען — —

איינער אַליין. איינער אַליין.

קאַ. צעטניק / תל אביב

די באַפרײַאונג

ער איז געשטאַנען איינער אַליין. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן: ווייסע, קאַלטע האָריזאָנטן. אַרום און אַרום — ליידיק.

דאָס טויער שטייט אָפן. קיינער גייט נישט אַרויס. קיינער איז דאָ נישט פאַראַן.

ליידיק.

אוישװיץ־פּלאַנעט — אָט דער פּייער־באַלעם אויף װעלכן ער האָט זיך געפונען — ליגט יעצט אַן אָפּגעקילטער, אַן אויסגעלאָשענער, און ער שטייט אויף אים איינער אַליין, איינער אַליין — אַן איבערגעבליבענער.

די ערד ליגט פאַר זיינע אויגן — װי אַ פאַרשטיינטע טויטע לאַװע װאָלט איר צוגעדעקט. דאָ אָטעמט מער נישט קיין הויך פון לעבן. גאָט האָט פאַרלאָזט די דאָזיקע ערד, און אויך דער שטן האָט זי פאַרלאָזן.

ווייט און ברייט ציען זיך די בלאָקן — טויטע פאַרשטיינטע גרודעס אינעווייניק, אין די בלאָקן, צװישן די קופּעס סקעלעטן אויף דער ערד, רירט זיך, דאָ און דאָרט, אַ נישט־דערשאָסענער מוזלמאַן. שטיל, פּאַמעלעך, אַן לשון, באַװעגט ער דעם אויבערטייל פון זיין קערפּער, שלענגלט אים אַרויס פון די פּגרים ווי אַ ווייסינקער רויכעלע פון אַ שפּאַלט — אַ זכר פון אַ װעלט װאָס האָט דאָ אַמאָל געלעבט.

אַ גאַנצע װעלט!

יעצט שפּרייט זיך דאָ אַ טויטע ליידיקייט. װי דער ים װאָלט פאַרשטיינט געװאָרן אינמיטן געברויז.

אַלע טויערן פון אַלע אוישװיץ־לאַגערן שטייען אָפענע. קיינער גייט אין זיי נישט אַריין, קיינער גייט אין זיי נישט אַרויס. קיינער איז דאָ נישט פאַראַן.

די ווייסע האָריזאָנטן ליגן אין די טויער־עפענונגען — פאַרשטיינטע.

ער וויל אויסשרייען: די באַפרייאונג איז געקומען!

— וו, אויף וועלכע זייט, איז זי, די באַפרייאונג?

װי דער זכר פון אַ טויער־בויגן אין אַן אויפגעגראָבענער שטאָטװאָס דו װייסט נישט וו איז דאָ געװען דער אַריין, און וו איז דאָ געװען דער אַרויס — אַזוי ווייסטו יעצט נישט װו, אויף וועלכע זייט פון אָפענעם טויער, איז זי, די באַפרייאונג. אָט שטייסטו דאָ יעצט לעבן באַרג אַש ווי דו װאָלסט צוריקגעקומען צו די דייניקע. הינטער דיר ליגט אוישװיץ — טויט, פאַרשטיינט. ליידיק. זוך דאָרט נישט קיינעם, װעסט דאָרט קיינעם נישט געפינען. װייל אַלע, אַלע, זענען דאָ! דאָ, אויף דעם באַרג אַש. דאָ האָסטו זיי געפונען. דו האָסט צו זיי געבענקט טאָג און נאַכט. זיי זענען געװען דיין האָפענונג. דו האָסט זיי געזוכט. מען האָט דיך פון זיי אָפּגעריסן. אָט שטייסטו איצט ווידער לעבן זיי. דו זעסט זיי. אָט זענען זיי, אַלע, אַלע. דו האָסט זיי ווידער געפונען.

עס איז געקומען די באַפרייאונג.

— װו, אויף װעלכער זייט פון אָפענעם טויער געפינט זי זיך, די באַפרייאונג?

ליידיק אין קרעמאַטאָריום. פאַרשטיינט. די אייזערנע אויװן־קלאַפּעס שטייען אָפענע, קאַלטע. דער לאַנגער שאַר־אייזן שטייט אַן אָנגעלענטער און חלומט אויפן ראַנד פון פינצטערן קרעמאַטאָריע־לאָך. ערשט האָט דאָ אַלץ זיך געאוישװיצט; װי אַ ים זיינע טייפונעס — אַזוי האָבן זיך דאָ ... איצט קוקט דאָ אַלץ אויס שטיל. דער לאַנגער שאַר־אייזן — ווי אַ בע־

װי דער זכר פון אַ טויער־בויגן אין אַן אויסגעגראָבענער שטאָטהאָס דו װייסט נישט װו איז דאָ געװען דער אַריין, און װו איז דאָ גע־װען דער אַרויס — אַזוי ווייסטו יעצט נישט װו, אויף וועלכע זייט פון אָפענעם טויער, איז זי, די באַפרייאונג. אַט שטייסטו דאָ יעצט לעבן באַרג אַש ווי דו װאָלסט צוריקגעקומען צו די דייניקע. הינטער דיר ליגט אוישװיץ — טויט, פאַרשטיינט. ליידיק. זוך דאָרט נישט קיינעם, װעסט דאָרט קיינעם נישט געפינען. װייל אַלע, אַלע, זענען דאָ! דאָ, אויף דעם באַרג אַש. דאָ האָסטו זיי געפונען. דו האָסט צו זיי געבענקט טאָג און נאַכט. זיי זענען געװען דיין האָפענונג. דו האָסט זיי געזוכט. מען האָט דיך פון זיי אָפּגעריסן. אַט שטייסטו איצט ווידער לעבן זיי. דו זעסט זיי. אַט זענען זיי, אַלע, אַלע. דו האָסט זיי ווידער געפונען.

עס איז געקומען די באַפרייאונג.

— װו, אויף װעלכער זייט פון אָפענעם טויער געפינט זי זיך, די באַפרייאונג?

ליידיק אין קרעמאַטאָריום. פאַרשטיינט. די אייזערנע אויוון־קלאַפּעס שטייען אָפענע, קאַלטע. דער לאַנגער שאַר־אייזן שטייט אַן אָנגע־לענטער און חלומט אויפן ראַנד פון פינצטערן קרעמאַטאָריע־לאָך. ערשט האָט דאָ אַלץ זיך געאַווישװיצט; װי אַ ים זיינע טײַפונעס — אַזוי האָבן זיך דאָ טאָג און נאַכט געהויבן איבער דיר די בערגער פּחד. איצט קוקט דאָ אַלץ אויס שטיל. דער לאַנגער שאַר־אייזן — װי אַ בע־קער־שויפל אָנגעלענט, אידיליש, אויפן אויוון־ראַנד; די קרעמאַטאָריע־קלאַפּעס — שטומער אויסגעלאָשענער אייזן.

צװישן די שורות שטעכל־דראָטן אַרום די לאַגערן שטייט די לופט אַ געגליווערטע. די זעלבע שטעכל־דראָטן. איצט קאָנסטו זיי אָנ־רירן. סיי פון דער אינעװייניקסטער זייט און סיי פון דער אויסנװייניקסטער זייט. זיי פאַרשפּאַרן מער נישט קיינעם און זיי באַפרייען מער נישט קיינעם. ס'איז קיינער נישטאָ אינעווייניק און ס'איז קיינער נישטאָ אינדרויסן. אַלע זענען איצט דאָ — אויף דעם באַרג אַש.

— טײַערע! טײַערע מיינע! עס איז געקומען די באַפרייאונג!

ער האָט זיך געװאָרפן אויף זיי. ער האָט זיי געדריקט צו זיך. ער האָט זיי אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיי געקושט און געהאַלזט — יעדן באַזונדער; יעדן פון זיין משפּחה. ער איז געלעגן אויפן באַרג. זיינע אָרעמס האָבן געשטעקט טיף־טיף אין אַש. — טײַערע, אַ טײַערע! עס איז געקומען די באַפרייאונג!

הינטער אים איז געלעגן אוישװיץ — שטום. פאַרשטיינט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: ס'איז געװען זיין קול װאָס האָט צו אים צוריק־געהילכט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אַש. ער האָט געקוקט מיט די אויגן אַרום און אַרום: ער איז דאָ דער איינציקער װאָס קאָן לאָזן אָפּהילכן אַ קול. אין די שװאַרצאַפּלען פון זיינע אויגן ליגט פאַרגליווערט דער פּלאַנעט־אוישװיץ איידער ער איז געװאָרן פאַרשטיינט. און ער איז דאָ דער איינציקער װאָס קאָן די שװאַרצאַפּלען מיט זיך אַװעקפירן.

די טויערן פון די לאַגערן זענען געשטאַנען אָפענע.

ער איז געגאַנגען.

— — און עס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען די שטומע אוישװיצער בלאָקן. און די קופּעס מוזלמענער אין זיי; די ליידיקע אַפּעל־פּלעצער, און די שטעכל־דראָטענע מויערן.

און דער אַש־באַרג, פאָרויס, האָט אים דעם װעג געצייכנט.

ער איז געגאַנגען — — —

און עס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען די פאַרשטיינטע אוישװיצער האָריזאָנטן, און דער צוריקגעשלאָגענער עכאָ פון זיין קול:

— — איך שװער, מיט מיינע הענט אַרומגעאָרעמטע אַרום אייער אַש, צו זיין אייער קול, און דער קול פון שטומען אײַס־געברענטן קאַ־צעט; איך װעל נישט אויפהערן װעגן אײַך צו דערציילן ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג.

אַזוי העלף מיר גאָט. אָמן".

ער איז געגאַנגען — —

איינער אַליין. איינער אַליין.